# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קלט**

**פרשת ויקהל**

בענין

**סתירות בדברי רש"י בפסחים ביבמות**
**בפירושו 'הבערה לחלק יצאת'**

**לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת:** (שמות לה, ג)

## דברי רש"י – וגמרא מסכת שבת

**רש"י** דא אויפן פסוק שרייבט: **יש מרבותינו אומרים הבערה ללאו יצאת, ויש אומרים לחלק יצאת** - פירוש: רש"י ברעגנט אראפ די באוויסטע מחלוקת וואס שטייט כמה פעמים אין ש"ס, ווי צוויי תנאים קריגן זיך ארום אין די טעם פארוואס די תורה שרייבט ארויס עקסטער די לאו פון 'הבערה', וואס איז בעצם איינער פון די ל"ט מלאכות, און יש מרבותינו וואס זאגן אז **'הבערה ללאו יצאת'**, און יש אומרים אז **'הבערה לחלק יצאת'**.

און צו פארשטיין אביסל בעסער, וועט מען אראפ ברענגען די סוגיא אין **מסכת שבת** (ע, א) ווי עס שטייט אזוי: **חייב על כל מלאכה ומלאכה** - פירוש אין די משנה איז געשטאנען (שם, סז, ב): **היודע שהוא שבת, ועשה מלאכות הרבה בשבתות הרבה** - דהיינו, איינער וואס האט געוויסט אז עס איז שבת [דהיינו לגבי שבת איז ער נישט געוועהן קיין שוגג], אבער לגבי די מלאכות איז ער געוועהן א שוגג, דהיינו ער האט נישט געוויסט אז דער מלאכות זענען אסור צו טוהן שבת, זאגט די משנה: **חייב על כל אב מלאכה ומלאכה** - דהיינו, ער איז מחיוב צו ברענגען אויף יעדער אב מלאכה וואס ער האט עובר געוועהן בשוגג א קרבן חטאת, אזוי ווי דער דין איז, ווען איינער איז מחלל שבת בשוגג, אז ער דארף ברענגען א קרבן חטאת. קומט די גמרא יעצט און פרעגט: **חילוק מלאכות מנלן?** - פירוש: די כלל איז, ווען איינער איז עובר כמה עבירות 'בהעלם אחד', דהיינו ער איז געוועהן א שוגג און בשעת מעשה האט ער געטוהן כמה עבירות בשוגג, איז דער דין, אויב די עבירות זענען צוויי אנדערע איסורים, ווי למשל די איסור פון חֵלֶב און דם, וואס יעדער פון דער איסורים האבן אן עקסטערע לאו אין די תורה, איז מען מחיוב צו ברענגען צוויי חטאות. אבער אויב למשל ער האט געגעסן צוויי מאל חֵלֶב בהעלם אחד, דעמאלטס דארף מען ברענגען נאר איין חטאת, אויף ביידע מאל וואס ער האט געגעסן, וויל ער האט עובר געוועהן נאר אויף 'איין לאו'. ביי 'מלאכות שבת' איז בעצם אזוי ווי ווען איינער עסט צוויי מאל חֵלֶב, וויל אין די תורה שטייט נאר איין לאו אויף 'מלאכות שבת', אזוי ווי עס שטייט: **וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַה' אֱלֹהֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה** (שמות כ, י), איז לכאורה וואלט געדארפט זיין דער דין, אז אפילו איינער איז עובר אויף צוויי אנדערע מלאכות אין שבת בשוגג, זאל ער נאר דארפן ברענגען איין קרבן חטאת, אבער אין די משנה שטייט אז ער דארף ברענגען אויף יעדער אב מלאכה עקסטער א קרבן חטאת. וועגן דעם פרעגט די גמרא 'חילוק מלאכות מנלן'?

ענטפערט די גמרא: **אמר שמואל, אמר קרא** (שמות לא, יד) **מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת - התורה רבתה מיתות הרבה על חילול אחד** - פירוש: אין פסוק שטייט 'מות יומת' וואס דעס איז משמע אז א מענטש קען ווערן מחיוב מיט אסאך 'מיתות', איז פון דא לערנט מען ארויס, אז אויף איין חילול שבת קען מען באקומען אסאך מיתות, דהיינו אויב איינער טוט כמה וכמה מלאכות בהעלם אחד, ווערט ער מחיוב אויף אלע אב מלאכות, אפילו עס איז בעצם איין לאו. קומט די גמרא גלייך און פרעגט: **האי במזיד כתיב** - פירוש: ווי אזוי קען מען ארויס לערנען פון דער פסוק אז מען זאגט 'חילוק מלאכות בשבת' לגבי שוגג, דער פסוק רעדט דאך ווען איינער טוט א מלאכה במזיד? ענטפערט די גמרא: **אם אינו ענין למזיד, דכתיב** (שמות לה, ב) **כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת - תנהו ענין לשוגג, ומאי יומת - יומת בממון** - פירוש: דעס אז מען באקומט מיתה ווען איינער איז עובר אויף איינער פון ל"ט מלאכות שבת, לערנט מען שוין ארויס פון דער פסוק וואס שטייט דער וואך אין די פרשה 'כל העושה מלאכה יומת', און אויב אזוי איז די פסוק פון 'מחלליה מות ימות' איבריג, וועגן דעם זאגט מען 'תנהו ענין לשוגג', דהיינו מען זאגט אז דער פסוק פון 'מחלליה מות יומת' גייט ארויף ווען מען איז עובר אויף די ל"ט מלאכות בשוגג, און מען לערנט ארויס פון דער פסוק, אז מען קען זיין מחיוב אויף אסאך חטאות ווען מען איז עובר אויף אפאר ל"ט מלאכות בשוגג, אפילו די לאו אויף

די ל"ט מלאכות איז איין לאו. איז פון דא ברענגט שמואל די מקור אז מען זאגט 'חילוק מלאכות בשבת'.

קומט די גמרא און פרעגט אויף שמואל: **ותיפוק ליה חילוק מלאכות מהיכא דנפקא ליה לרבי נתן** - פארוואס ברענגט שמואל א נייער לימוד אז יש חילוק מלאכות בשבת, ער וואלט דאך עס געקענט ארויסלערנען דארט פון ווי רבי נתן לערנט עס ארויס, **דתניא, רבי נתן אומר: לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת, מה תלמוד לומר?** - רבי נתן פרעגט פארוואס דארף די פסוק עקסטער ארויס שרייבן די מלאכה פון 'הבערה', די תורה האט דאך שוין געשריבן א לאו אויף אלע ל"ט מלאכות פון שבת, אזוי ווי עס שטייט שוין אין פסוק **'לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה'**, נאר על כרחך דארף מען זאגן אז דער פסוק פון **'לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ'** קומט ארויסצולערנען א נייער לימוד - און רבי נתן איז ממשיך און איז מסביר: **לפי שנאמר** (שמות לה, א-ב) **וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם: שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, דברים, הדברים - אלה הדברים - אלו שלשים ותשע מלאכות שנאמרו למשה בסיני** - פירוש: פון דעם וואס עס שטייט אין פסוק 'אלה הדברים' לערנט מען ארויס אז עס איז דא ל"ט מלאכות אין שבת. ווייל דיווארט 'אלה' איז בגימטריא 36, און פון די ווארט 'דברים' איז מען מרבה נאך צוויי, ווייל דברים איז לשון רבים, און פון די ה"א פון 'ה'דברים, איז מען מרבה נאך איין מלאכה, איז צוזאמען 39 מלאכות וואס איז אסור צו טוהן שבת. זאגט ווייטער רבי נתן: **יכול עשאן כולן בהעלם אחד אינו חייב אלא אחת** - פירוש: אפילו עס איז דא ל"ט מלאכות אין שבת, וואלט איך געמיינט אז אויב מען איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות 'בהעלם אחד', דהיינו מיט איין שוגג, זאל מען זיין חייב נאר איין חטאת, ווייל סוף כל סוף איז נאר דא איין לאו אויף אלע ל"ט מלאכות? **תלמוד לומר: לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הבערה בכלל היתה, ולמה יצאת - להקיש אליה, ולומר לך: מה הבערה שהיא אב מלאכה וחייבין עליה בפני עצמה - אף כל שהוא אב מלאכה חייבין עליה בפני עצמה** - פירוש: פון דעם וואס די פסוק האט עקסטער ארויס געשריבן 'לא תבערו אש', און געגעבן אן עקסטערע לאו פון די מלאכה פון הבערה, קומט אינז די תורה מגלה זיין אז די ל"ט מלאכות זענען 'מחולק', דהיינו זיי זענען צעטיילט איינס פון די אנדערע, און אפילו אלעס לערנט מען ארויס פון איין לאו 'לא תעשה כל מלאכה', אפילו אזוי אויב טוט מען אפאר סארט מלאכות בהעלם אחד, איז מען מחיוב צו ברענגען אויף יעדער מלאכה א קרבן חטאת.

און פון דער רבי נתן, פרעגט די גמרא אויף שמואל, פארוואס ברענגט ער א נייער לימוד אז מען זאגט חילוק מלאכות בשבת?

ענטפערט די גמרא: **שמואל סבר לה כרבי יוסי, דאמר: הבערה ללאו יצאת** - פירוש, רבי יוסי קריגט זיך אויף רבי נתן, און ער האלט אז פון דער פסוק 'לא תבערו אש' לערנט מען ארויס עפעס אנדערש, דהיינו די תורה קומט אינז לאזן הערן, אז די מלאכה פון 'הבערה' איז אנדערש פון אלע אנדערע ל"ט מלאכות. אלע ל"ט מלאכות איז די עונש ווען מען איז עס עובר במזיד (אן קיין התראה אדער עדים) די מיתה פון כרת, און בשוגג, דארף מען ברענגען א קרבן חטאת, אבער די מלאכה פון 'הבערה' איז מען נאר עובר אויף א לאו, דהיינו די עונש אויף דעם גייט זיין מלקות, און בשוגג גייט מען בכלל נישט דארפן א כפרה. און וויבאלד שמואל האלט אזוי ווי רבי יוסי אז 'הבערה ללאו יצאת', וועגן דעם ברענגט ער א אנדער מקור אז מען זאל חילוק מלאכות בשבת, ווייל ער קען עס נישט ארויס לערנען פון די פסוק 'לא תבערו אש'. און די גמרא ברענגט די ברייתא פון רבי יוסי און רבי נתן קריגן זיך, צו הבערה לחלק יצאת, אדער הבערה ללאו יצאת: **דתניא: הבערה ללאו יצאת, דברי רבי יוסי. רבי נתן אומר: לחלק יצאת.** עד כאן סוגית הגמרא במסכת שבת.

## קושית המזרחי על דברי רש"י במסכת יבמות

די **גמרא** אין **מסכת יבמות** (ו, ב) ברענגט אראפ די מחלוקת פון רבי יוסי און רבי נתן, צו הבערה ללאו יצאת אדער הבערה לחלק יצאת, און רש"י קומט דארט אין איז מסביר וואס מיינט 'הבערה לחלק יצאת' - און רש"י האט מיט זיין ווערטער אויף געריידערט די תורה וועלט, וזה לשונו: **לחלק - שלא תאמר אינו חייב סקילה עד שיחלל שבת בכל מלאכות לכך יצתה הבערה מן הכלל לחלק, מה הבערה מיוחדת שהיא אב מלאכה וחייב עליה כרת וסקילה בפני עצמה, אף כל שהוא אב מלאכה כו'** - פירוש: רש"י איז מבאר וואס מיינט 'הבערה לחלק יצאת', ווייל עס וואלט געווען א הו"א צו זאגן אז 'אינו חייב סקילה עד שיחלל שבת בכל מלאכות' דהיינו, כדי א מענטש זאל באקומען די עונש פון סקילה ווען ער איז עובר אויף א מלאכה במזיד זאל ער דארפן עובר זיין אויף אלע ל"ט מלאכות אויף איין מאהל, און ווילאנג ער איז נישט עובר אויף אלע ל"ט מלאכות אויף איין מאהל באקומט ער נישט די עונש פון סקילה, וועגן דעם האט די תורה בפירוש ארויס געשריבן די מלאכה פון הבערה, ארויסצולערנען אז פונקט ווען איינער גייט עובר זיין במזיד אויף די מלאכה פון הבערה אליינס גייט ער באקומען סקילה - וויבאלד די מלאכה פון הבערה שטייט עקסטער - אזוי אויך ביי די אנדערע פון ל"ט מלאכות אפילו מען גייט עובר זיין אויף איין מלאכה גייט מען זיין מחיוב סקילה.

קומען די מזרחי און פרעגן צוויי גרויסע קשיות אויף רש"י, און אזוי ווי ער שרייבט דער וואך אין די פרשה אויף רש"י ד"ה לא תבערו אש, וזה לשונו: **ופירוש "לחלק יצאת" בפרק קמא דיבמות** (יבמות ו ב) **פרש"י:** (רש"י ד"ה לחלק) **"שלא תאמר אינו חייב סקילה עד שיחלל שבת בכל המלאכות, לכך יצאת הבערה מן הכלל לחלק: מה הבערה מיוחדת שהיא אב מלאכה וחייב עליה בפני עצמה, אף כל שהיא אב מלאכה" כו'. ובפרק קמא דפסחים** (פסחים ה, ב) **פרש"י** (רש"י ד"ה ושמע מינה): **"לחלק יצאת - שלא תאמר העושה ארבע וחמש אבות מלאכות בשוגג בשבת אינו חייב אלא חטאת אחת, דהא חד לאו איכא בכולהו וחד כרת, לפיכך פרט בה בפני עצמה, להקיש אליה ולומר לך, מה היא מיוחדת, שהיא אב מלאכה, וחייבין עליה לעצמה, אף כל שהיא אב מלאכה חייבין עליה לעצמה". וכן משמע מבריתא דפרק כלל גדול** (שבת ע, א) **ד"תניא ר' נתן אומר: 'לא תבערו אש בכל מושבותיכם'** (פסוק ג), **מה תלמוד לומר, לפי שנאמר: 'ויקהל**

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

**משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה הדברים וגו' ששת ימים תֵּעָשֶׂה מלאכה', דברים, הדברים, אלה הדברים, אלו שלושים ותשע מלאכות שנאמרו לו למשה בסיני. יכול עשאן כלם בהעלם אחד אינו חייב אלא אחת" כו'. מדקתני "יכול עשאן כלם בהעלם אחד אינו חייב אלא אחת", משמע שאם עשה ארבע וחמש אבות מלאכות גם כן בהעלם אחד חייב חטאת, דאם לא כן, 'יכול אינו חייב חטאת אלא אם עשאן כולן בהעלם אחד' מיבעי ליה.**

פירוש: די מזרחי פרעגט צוויי שטארקע קשיות אויף רש"י. 1. אז רש"י אין מסכת פסחים - ווי די גמרא ברענגט דארט אראפ די מחלוקת פון רבי יוסי און רבי נתן - איז מבאר אז די 'לחלק יצאת' קומט צו לאזן הערן אז מען ברענגט ארבע וחמש 'חטאות' אויב מען האט עובר געווען אויף ארבע וחמש חטאות בהעלם אחד, דהיינו, לפי דער רש"י אין פסחים, איז קיינמאל נישט געווען קיין הו"א צו זאגן, אז א מענטש וואס איז עובר איין מלאכה אין שבת במזיד, זאל זיין פטור פון סקילה, ביז ער איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות, נאר דער דין איז געווען פשוט, אז ברגע א מענטש האט עובר געווען אפילו אויף איינס פון די ל"ט מלאכות איז מען שוין גלייך מחיוב סקילה, נאר די גאנצע הו"א איז געווען, אז אפשר אויב איינער טוט אפאר מלאכות 'בשוגג' איז ער נאר מחיוב איין חטאת, קומט די פסוק פון 'לא תבערו אש' צו מחלק זיין, אז מען גייט יא זיין מחיוב אויף יעדער אב מלאכה אן עקסטערע חטאת. אבער רש"י אין יבמות שרייבט א גאנצע נייער פשט אין די 'לחלק יצאת' - און לכאורה איז זיך רש"י סותר און די ביאור פון 'לחלק יצאת'.

און די צווייטע קשיא איז, אז אין די סוגית הגמרא אין מסכת שבת וואס אינז האבן אויבן אראפ געפרעגנט איז משמע בהדיא אזוי ווי רש"י אין מסכת פסחים, אזוי ווי די גמרא זאגט קלאר "יכול עשאן כלם בהעלם אחד אינו חייב אלא אחת" וואס פון דעם איז מבואר אז די הו"א פון די גמרא איז נאר געווען לגבי חיובי חטאות, און נישט לגבי די נושא פון סקילה?

און די **מהרש"ל** אין מסכת יבמות איז מוסיף צו פרעגן אויף רש"י מכח הסברא הישרה, וזה לשונו: **דבר תימה פירושו, לומר שלא יחייב סקילה כי אם בעשות כל המלאכות יחד, דהא כתיב לא תעשה כל מלאכה, וכל אחת קרויה מלאכה** - פירוש: די מהרש"ל פרעגט אויף רש"י אז ווי אזוי קען מען בכלל זאגן אזא הו"א אז מען זאל נאר זיין חייב סקילה ווען מען איז עובר אויף אלע מלאכות, אין פסוק שטייט דאך 'לא תעשה כל מלאכה', און ברגע איינער איז עובר אויף דער לאו, אפילו אויף איין מלאכה פון די 'כל מלאכה' איז ער שוין מחיוב סקילה. וועגן דעם שרייבט די מהרש"ל: **אלא לענין חילוק חטאות איירי דלא תימא שאם עשאן כולן בהעלם אחד אינו חייב אלא אחת** - פירוש: ע"כ דארף מען מפרש זיין דער 'הבערה לחלק יצאת', אז עס וואלט געווען א הו"א אז מען זאל נאר זיין מחיוב איין חטאת אויב מען מאכט אפאר מלאכות בהעלם אחד, ווייל ביי חטאת איז דא דער כלל אז אויב איינער איז עובר אויף איין לאו אפאר מאל בהעלם אחד דארף ער נאר ברענגען איין חטאת, איז וועגן דעם קומט די תורה ביי הבערה אין שרייבט ארויס אז מלאכות שבת גייט נישט אריין אין דער כלל, און מען גייט זיין חייב אויף יעדער מלאכה עקסטער א קרבן חטאת. און די מהרש"ל פוהרט אויס: וכן איתא להדיא בפרק כלל גדול בשבת.

## תירוץ על קושייתו השני של המזרחי ועל קושית המהרש"ל

אויף די צווייטע קשיא וואס די מזרחי פרעגט, און אזוי אויך אויף די קשיא פון די מהרש"ל, ענטפערן די אחרונים, אז אפילו אין גמרא אין מסכת שבת איז מוכח אז דער לימוד פון 'הבערה לחלק יצאת', קומט ממעט זיין אז מען זאגט נישט 'אם עשאן כלם בהעלם אחד אינו חייב אלא אחת', אבער רש"י האט גענומען זיין מקור פון די **מכילתא** (פרשה א) דא אויפן פסוק ווי עס שטייט: **רבי יונתן אומר, לא תבערו אש, למה נאמר, לפי שנאמר ויקהל משה וגו', שומע אני, לא יהא חייב עד שיעבור על שלשים ותשע אבות מלאכות... תלמוד לומר לא תבערו אש, הבערה היתה בכלל ויצאת ללמד, אלא מה הבערה מיוחדת שהיא אחת משלשים ותשע אבות מלאכות וחייבין עליה בפני עצמה, אף כל שאר שלשים ותשע אבות מלאכות, דין הוא שיהא חייב על כל אחת ואחת בפני עצמה** ע"כ. זעהט מען בפירוש פון דער מכילתא אז די הו"א איז געווען צו זאגן אז מען גייט זיין מחיוב סקילה נאר 'עד שיעבור על שלשים ותשע אבות מלאכות', וואס דעס איז ממש וואס רש"י איז מפרש אין מסכת יבמות. אבער די ערשטע קשיא פון די מזרחי, אז רש"י איז זיך סותר, דהיינו, און מסכת פסחים איז ער מסביר דער 'הבערה לחלק יוצאת' אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת, און אין מסכת יבמות איז ער מסביר דער 'הבערה לחלק יוצאת', אזוי ווי די מכילתא. וטעמא בעי, פארוואס האט רש"י משנה געווען ביי דיביידע פלעצער?

## תירוצו הנפלאה של

## הגה"צ רבי מנחם מענדיל הלברשטאם זצ"ל

די גאון און צדיק **רבי מנחם מענדיל האלברשטאם זצ"ל** וואס איז געווען אן איידעם ביי די רבן של ישראל די **בעל 'עקידת יצחק' פון אלכסנדר זי"ע הי"ד** האט געענפערט א הפלא'דיגע מהלך על דרך פלפול צו פאענטפערן די סתירות הרשי"ס פון מסכת פסחים און מסכת יבמות.

און ער איז מקדים מיט א שטארקע קשיא וואס די **מפרשים** פרעגן אויף רש"י אין מסכת יבמות.

רש"י אין יבמות איז דאך מבאר אז עס איז געווען אן הו"א צו זאגן אז מען זאל נישט זיין מחיוב סקילה נאר אויב מען איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות. די גמרא זאגט דאך אין **מסכת פסחים** (עז, א) אז מען לערנט ארויס פון די פסוק (במדבר ט, ב) **וְיַעֲשׂוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַפָּסַח בְּמוֹעֲדוֹ - במועדו אפילו בשבת,** דהיינו מען לערנט ארויס פון א פסוק, אז די קרבן פסח איז דוחה שבת. און

לכאורה איז שווער, פארוואס דארף מען א פסוק צו מתיר זיין צו שחט'ן די קרבן פסח אין שבת, לכאורה זאל מען זאגן די כלל וואס מען זאגט אין די גאנצע תורה אז **'אתי עשה ודוחה לא תעשה'**, און אזוי אויך דא זאל קומען די 'עשה' פון קרבן פסח, און דוחה זיין די 'לא תעשה' פון שבת?

נאר די פשוט'ע תירוץ איז, אז שבת איז דאך א **'לא תעשה שיש בו כרת'**, און די כלל איז דאך אז א עשה איז נישט דוחה א לא תעשה שיש בו כרת.

פרעגן די מפרשים, לויט רש"י אז עס איז געווען א הו"א צו זאגן אז מען איז נישט חייב סקילה נאר אויב מען איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות - ווי אזוי קען בכלל זיין אזא הו"א, ווייל לכאורה איז מוכח אז מען איז חייב סקילה אפילו ווען מען איז עובר אויף איין מלאכה, ווייל פון דעם וואס מען זעהט אז מען לערנט ארויס פון 'מועדו אפילו בשבת', און מען זאגט נישט 'עשה דוחה לא תעשה', ווייל שבת איז א לא תעשה שיש בו כרת, אבער דעס איז דוקא ווען אפילו אויף די לאו פון שחיטה אליין איז דא די עונש פון סקילה, און דעמאלטס וועט אויך זיין די עונש פון כרת אויב עס איז נישט געווען קיין התראה אדער עדים - ווייל סקילה און כרת איז דאך תלוי הא בהא. און פון דעם וואס מען זעהט אז מען דארף יא די לימוד פון 'מועדו אפילו בשבת' איז מוכח אז מען איז חייב סקילה אפילו ווען מען איז עובר אויף איין מלאכה, אזוי ווי מען זעהט ביי מלאכת שחיטה ביי די קרבן פסח. איז וואס איז בכלל געווען דער הו"א פון רש"י אז אפילו מען איז עובר אויף איין מלאכה איז נישט דא קיין סקילה?

קומט רבי מנחם מענדיל און ענטפערט אויף דער קושית המפרשים, אז לעולם קען מען זאגן אז מען איז חייב סקילה נאר אויב מען איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות. און אויב אזוי וועט אויסקומען אז די לא תעשה פון שבת וועט נישט זיין קיין לא תעשה שיש בו כרת אויב מען איז עובר אויף איין מלאכה, און אפילו אזוי דארף מען נאך אלץ דער למוד פון 'במועדו אפילו בשבת'. און דער טעם איז, וויבאלד די כלל איז אז 'עשה דוחה לא תעשה' דוקא ווען די עשה און די לא תעשה זענען 'בעידנא', דהיינו ביידע געשעהן און די זעלבע צייט, אבער אויב די 'עשה' און די 'לא תעשה' געשעהט נישט אין די זעלבע צייט, דעמאלטס זאגט מען נישט די כלל פון עשה דוחה לא תעשה. און דא ביי קרבן פסח געשעהט דאך נישט די עשה מיט די לא תעשה אין די זעלבע צייט. ווייל די 'לא תעשה' וואס דעס איז די מלאכה פון שחיטה געשעהט גלייך ווען מען שחט, מה שאין כן די 'עשה' פון קרבן פסח געשעהט נאר נאך מען ענדיגט אלע ד' עבודות פון די קרבן פסח, דהיינו אויף די עבודה פון קבלה הולכה און זריקה, און אויב אזוי בשעת ווען מען שחט די קרבן פסח איז מען נאך נישט מקיים די מצות עשה פון קרבן פסח, און אויב אזוי קען נישט דער מצות עשה פון קרבן פסח קומען און דוחה זיין די לא תעשה פון שחיטה, און דעס איז די סיבה פארוואס מען דארף אן עקסטערע לימוד ארויס צו לערנען אז מען מעג שחט'ן א קרבן פסח אפילו בשבת. און לעולם איז נישט דער טעם ווייל שבת איז א לא תעשה שיש בו כרת.

אבער בעצם קען מען אפווענדען דער תירוץ, ווייל די אחרונים זענען מבאר אז די כלל פון 'בעידנא' איז שייך אפילו אויף א פלאץ וואס בעצם יעצט טוסטו נאך נישט קיין מצוה, אבער אויב די האסט שוין אנגעהויבן צו טוהן די סדר פון דער מצוה אפילו יעצט כרגע ביסטו נאך נישט מקיים די מצוה, ווערט עס נאך אלץ גערעכנט ווי 'בעידנא', און ווי די גרויסע גאון און שר התורה **רבי יוסף ענגיל** ברענגט און זיין ספר **שו"ת בן פורת סימן ו'** אין א בריוו וואס זיין ברידער דער גאון **רבי יצחק ענגיל** שרייבט אים, אז דעס איז מוכח פון די באוויסטע **תוספות** אין **מסכת קידושין** (לח, א, ד"הה אקרוב).

אין די גמרא דארט איז מבואר אז ווען כלל ישראל איז אריין קיין ארץ ישראל האבן זיי נישט געגעסן קיין מצות פון די נייע תבואה, וויבאלד עס איז געווען אסור פאר זיי מכח די איסור פון חדש, און נאר נאך וואס זיין האבן מקריב געווען די עומר, האבן זיי געגעסן פון די נייע תבואה. ברענגט תוספות דארט א ירושלמי וואס פרעגט: **למה לא אכלו מצה מחדש ויבא עשה דבערב תאכלו מצות וידחה לא תעשה דחדש** - פירוש: פארוואס האבן די אידן נישט געגעסן פון מצות פון די נייע תבואה אפילו פאר מען האט מקריב געווען די עומר, די הלכה איז דאך אז עשה איז דוחה א לא תעשה, אין דא וואלט די עשה פון בערב תאכלו מצות געדארפט דוחה זיין די לא תעשה פון חדש? עד כאן קושית התוספות. זאגט רבי יצחק ענגיל, אז לכאורה וואס איז די קשיא פון תוספות בכלל, בשעת ווען די אידן האבן געגעסן די ערשטע ביס פון די מצה של חדש, האבן זיי דאך נישט מקיים געווען די מצוה פון אכילת מצה, ווייל די מצוה פון אכילת מצה איז דאך נאר ווען מען עסט א שיעור כזית, משא"כ די איסור פון חדש איז דאך אסור אפילו וויינציגער פון כזית, אזוי ווי די הלכה איז דאך א 'חצי שיעור אסור מן התורה', און אויב אזוי איז נישט דא די 'עשה' וואס זאל דוחה זיין די 'לא תעשה', ווייל די עשה איז דאך נישט 'בעידנא'? נאר על כרחך זעהט מען פון דער תוספות, אז אויב א מענטש הייבט אן צו טוהן א מצוה, אפילו יעצט כרגע איז ער נאך נישט מקיים די מצוה, אפילו אזוי הייסט עס נאך אלץ 'בעידנא', און מען קען נאך אלץ זאגן 'אתי עשה דוחה לא תעשה'. עד כאן ראיית רבי יצחק ענגיל.

זאגט רבי מנחם מענדיל, לפי זה וועט אויסקומען אז בעצם וועט ווערן די 'שחיטה' פון די קרבן פסח יא גערעכנט 'בעידנא' אפילו בעצם יעצט איז מען נישט מקיים קיין מצוה, ווייל די שחיטה איז די אנפאנג פון א מצוה וואס בהמשך וועט געשעהן דא די מצוה פון קרבן פסח. און אויב אזוי, קומט אויס אז מען זאגט יא דא די כלל פון 'עשה דוחה לא תעשה', און עס ווערט שווער פארוואס דארף מען די פסוק פון 'מועדו אפילו בשבת', נאר על כרחך דארף מען זאגן אז ביי שבת איז די לא תעשה א לא תעשה שיש בו כרת, און אויב אזוי קומט צוריק די קשיא וואס די מפרשים פרעגן אויף רש"י, ווי אזוי קען זיין א הו"א אז מען זאל נישט זיין חייב סקילה נאר אויב מען איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות, פון די לימוד 'מועדו אפילו בשבת' איז מוכח אז אפילו אויף איין אב מלאכה באקומט מען אויך כרת?

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

זאגט רבי מנחם מענדיל, אז בעצם דער חידוש וואס מען האט יעצט געזאגט אז פון די שחיטה ווערט שוין גערעכנט 'בעידנא' וועט זיך ווענדען צו די פעולת השחיטה ביי א קרבן ווערט גערעכנט ווי א 'עבודה' אדער נישט. אויב איז שחיטה אן 'עבודה' דעמאלטס ווערט גערעכנט די שחיטה ווי די תחילת פעילת המצוה, און די מצות עשה פון קרבן פסח ווערט גערעכנט 'בעידנא' און עס איז שווער אויף רש"י אין מסכת יבמות. אבער אויב איז שחיטה נישט קיין עבודה, דעמאלס קען מען נישט זאגן אז די פעילת השחיטה פון די קרבן פסח איז א חלק פון די מצוה, און אויב אזוי איז די מצות עשה פון קרבן פסח נישט בעידנא פון די לא תעשה פון שחיטה, און מען דארף האבן די פסוק פון מועדו אפילו בשבת, ווייל אנדערש וואלט מען נישט מתיר געוועהן צו שחט'ן א קרבן פסח אין שבת, און לפי זה איז נישט שווער פון דער גמרא אויף רש"י אין מסכת יבמות.

אין די **גמרא** אין מסכת **מנחות** (ה, א) שטייט אז **'שחיטה לאו עבודה היא'**, קומט דארטן **תוספות** (ד"ה שחיטה) און איז מבאר די טעם פארוואס שחיטה לאו עבודה היא, וזה לשונו: **והרב רבי יצחק מאורלינ"ש מפרש לאו עבודה היא, לפי ששוה בחולין ובקדשים, אם כן לא מטעם עבודה צו המקום שחיטה** - פירוש: דער ר"י מאורלינ"ש איז מבאר די טעם פארוואס מען זאגט אז 'שחיטה לאו עבודה היא', ווייל די מצוה פון שחיטה איז דא אפילו ביי בהמות של חולין פונקט אזוי ווי ביי קרבנות קדשים, און אויב אזוי ווען די תורה האט געזאגט אז מען דארף שחט'ן א קרבן של קדשים, קומט נישט די חיוב מטעם 'עבודה', נאר מטעם די מצוה וואס איז דא ביי א יעדער בהמה של חולין, און וועגן דעם ווערט נישט די שחיטה גערעכנט ווי אן עבודה.

קומט רבי מנחם מענדיל וברוב חריפתו איז ער מבאר, אז דער דין אז 'שחיטה לאו עבודה היא', וועט בעצם זיין תלוי אין מחלוקת ציווישן רבי ישמעאל און רבי עקיבא.

אין **מסכת חולין** (יז, א) קריגן זיך ארום רבי ישמעאל און רבי עקיבא ווי אזוי די אידן האבן געגעסן בשר של חולין אין די מדבר. רבי עקיבא האלט אז **'הותר להם בשר נחירה'**, דהיינו די אידן האבן געגעסן אין די מדבר בשר של חולין נישט בדרך שחיטה, נאר בדרך נחירה, דהיינו זיי האבן גע'הרג'ט די בהמה בנחירה און אזוי געגעסן די פלייש. און נאר 'בהמות של קדשים' איז געוועהן א חיוב צו שחט'ן און די מדבר, און נאר נאך וואס מען איז אריין אין ארץ ישראל איז מען נצטוה געווארן צו שחט'ן אפילו בהמות של חולין. משא"כ רבי ישמעאל האט געהאלטן אז די אידן האבן יא געמוזט שחט'ן אפילו בהמות של חולין אין די מדבר פאר זיי האבן געגעסן.

לפי זה קומט אויס, אז דעס וואס די גמרא זאגט אין מסכת מנחות אז 'שחיטה לאו עבודה היא', און ווי תוספות האט מסביר געוועהן 'לפי ששוה בחולין ובקדשים', דעס וועט גיין נאר לויט רבי ישמעאל וואס האט געהאלטן אז חולין און קדשים זענען געוועהן אייביג שווים אפילו אין די מדבר, און וועגן דעם איז די פעילת השחיטה בכלל נישט קיין חלק פון די עבודה, אבער לויט רבי עקיבא וואס ער האט געהאלט אז אין די מדבר איז נאר בהמות של קדשים געוועהן מחויב מיט שחיטה, און נאר נאך וואס כלל ישראל איז אריין אין ארץ ישראל זענען אפילו די בהמות של חולין געווארן מחויב בשחיטה, לויט אים איז בעצם די פעילת השחיטה א חלק פון די 'עבודה' ביי קדשים, והא ראיה אין די מדבר זענען די בהמות של חולין בכלל נישט געוועהן מחויב בשחיטה, און אפילו שפעטער ווען מען איז אריין אין ארץ ישראל, און די בהמות של חולין זענען געווארן מחויב בשחיטה, האט עס נאך אלץ נישט אוועקגענומען די פריעדיגע דין אז 'שחיטה' איז א חלק פון די עבודה אצל קדשים.

זאגט רבי מנחם מענדיל הפלא ופלא! די גמרא אין מסכת פסחים ווי רש"י איז מסביר דעם 'הבערה לחלק יצאת' "שלא תאמר העושה ארבע וחמש אבות מלאכות בשוגג בשבת אינו חייב אלא חטאת אחת" - דארט באציעט זיך רש"י אויף די ווערטער פון רבי עקיבא, אזוי ווי די גמרא זאגט דארט: **שמע מינה מדרבי עקיבא תלת**, און די דריטע זאך איז: **'הבערה לחלק יצאת'**, און אויף דעם זאגט רש"י די פשט אז די הו"א איז געוועהן אז מען גייט נישט זיין מחויב א 'קרבן חטאת' נאר אויב מען גייט עובר זיין אלע ל"ט מלאכות בשוגג. און דארט קען נישט רש"י זאגן די פשט וואס ער זאגט אין מסכת יבמות, אז מען גייט נישט זיין מחויב סקילה נאר אויב מען איז עובר אויף אלע ל"ט מלאכות במזיד, ווייל דא גייט מען דאך לויט רבי עקיבא, וואס האלט אז 'שחיטה איז יא אן עבודה', און אויב שחיטה איז אן עבודה, איז ברגע וואס מען שחט די קרבן פסח אין שבת, וואלט דאך די 'עשה' פון קרבן פסח געדארפט דוחה זיין די 'לא תעשה' פון מלאכת שחיטה, און מען וואלט נישט געדארפט די לימוד פון 'במועדו אפילו בשבת', נאר על כרחך מיז מען זאגן אז מען מיז די לימוד וויבאלד די לא תעשה פון שבת איז א 'לא תעשה שיש בו כרת', און לעולם וואלט די קרבן פסח נישט דוחה געוועהן שבת ווען נישט די לימוד פון 'במועדו'. איז לויט רבי עקיבא האט מען נישט געקענט זאגן אז די 'לחלק יצאת' קומט צו זאגן "שלא תאמר אינו חייב סקילה עד שיחלל שבת בכל מלאכות" - ווייל עס ווערט דאך שווער די לימוד פון 'במועדו'.

אבער די סוגיא אין מסכת יבמות באציעט זיך אויף די ווערט פון רבי ישמעאל, ווי די גמרא זאגט דארט: **תנא דבי רבי ישמעאל 'לא תבערו בכל משבתיכם ביום השבת' מה תלמוד לומר** - און די גמרא פרעגט גלייך אריין: **מה תלמוד לומר? אי לרבי יוסי - ללאו, אין לרבי נתן - לחלק**. דארט איז רש"י זייער שיין מבאר אז די הו"א איז געוועהן "שלא תאמר אינו חייב סקילה עד שיחלל שבת בכל מלאכות", ווייל רבי ישמעאל האלט דאך אז די מצוה פון שחיטה איז געוועהן ביי בהמות של חולין אפילו אין מדבר, און אויב אזוי איז דאך 'שחיטה לאו עבודה היא', און אויב אזוי וואלט מען קיינמאל נישט מתיר געוועהן צו שחט'ן די קרבן פסח אפילו אין שבת ווייל די פעילת השחיטה איז דאך בכלל נישט קיין 'בעידנא', און וועגן דעם מיז מען האבן די לימוד פון 'במועדו אפילו בשבת', אפילו מען וועט זאגן אז די 'לא תעשה פון שבת' איז נישט קיין לא תעשה שיש בו כרת. כפתור ופרח!